**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פאראָרדנט ניו יארק סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין בלוי-גרין און פוירפל צו אנערקענען אלוועלטליכע זעלבסטמארד פארמיידונג טאג**

***גאווערנער דעזיגנירט סעפטעמבער אלס זעלבסטמארד פארמיידונג חודש אין ניו יארק; הייבט ארויס אנגייענדע באמיאונגען צו פארבעסערן די סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט סיסטעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז צענטראלע סטרוקטורן און בריקן אריבער די סטעיט וועלן באלאכטן ווערן אין בלוי-גרין און אין פוירפל היינט נאכט, סעפטעמבער 10, אין אנערקענונג פון דעם אלוועלטליכן זעלבסטמארד פארמיידונג טאג און צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די אנגייענדע באמיאונגען צו איבערארבעטן ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם. פריער די וואך האט גאווערנער האקול ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע] דעזיגנירנדיג דעם חודש סעפטעמבער אלס זעלבסטמארד פארמיידונג חודש אריבער די סטעיט און [פארשטעלנדיג די באמיאונגען] וואס ווערן געמאכט צו העלפן ניו יארקער פארבינדן ווערן מיט גייסטישע געזונטהייט הילפס-מיטלען, אריינרעכנענדיג די [988 זעלבסטמארד און קריזיס לייפליין].

"אויף דעם טאג באווײנען מיר די לעבנס וועלכע ווערן טראגיש פארלוירן צו זעלבסטמארד און מיר נעמען זיך פונדאסנײ צו אונזערע באמיאונגען צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער קענען צוקומען צו די קעיר וואס זיי דארפן זיך צו קענען שטארקן איבער גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אנגעהויבן פונעם דראמאטיש פארברייטערן אַוטפעישענט סערוויסעס ביזן פארמאכן לעכער אין אינשורענס דעקונג פאר אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס און צושטעלן פינאנצירונג פאר נייע פריוואטע וואוינונג יוניטס, ארבעט מיין אדמיניסטראציע איבער אונזער סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט סיסטעם כדי אלע ניו יארקער זאלן באקומען צופרידנשטעלנדע סערוויסעס אין זייער צייט פון נויט."

די סטרוקטורן וועלכע וועלן באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון דעם אלוועלטליכן זעלבסטמארד פארמיידונג טאג רעכענען אריין:

- WTC 1
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארײנגאנג טויער און עקספא צענטער
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע

- מויניהאן באן האל
- ניאגארא וואסערפאלן
- פעירפּאָרט ליפט בריק העכער די ערי קאנאל

צו פארשפרייטן באקאנטשאפט, האט די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט'ס זעלבסטמארד פארמיידונג צענטער אנגעהויבן א דיגיטאלע מארקעטינג קאמפיין די חודש וואס וועט לויפן גאנץ סעפטעמבער און ארויסהייבן די 988 זעלבסטמארד און קריזיס לייפליין, וועלכע געבן א דריי-ציפערן נומער וואס איז געשטיצט אין אלע 62 קאונטיס. ניו יארקער וועלכע האבן געדאנקען פון זעלבסטמארד קענען רופן אדער טעקסט'ן 988 אדער באזוכן 988lifeline.org/chat פאר א דירעקטע פארבינדונג מיט קעיר און שטיצע.

ניו יארק סטעיט פירט יעצט איין גאווערנער האקול'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר פלאן צו איבערארבעטן די סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם און צו דראסטיש רעדוצירן די צאל פון ניו יארקער מיט אומערפילטע גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן. אנגענומען אלס טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, טיילט די 1 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג איבער עטליכע יאר צו 890 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע אינוועסטירונגען און 120 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר אנגייענדע אפעראציעס פאר 3,500 נייע פריוואטע וואוינונג יוניטס באדינענדיג די מיט גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן; 30 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר סקול קינדער אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג 20 מיליאן דאלאר פאר סקול-באזירטע סערוויסעס און 10 מיליאן דאלאר צו צושטעלן טרענירונג פאר ארומיגע סערוויסעס; און 10 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן זעלבסטמארד פארמיידונג פראגראמען פאר וואקלדיגע יונגווארג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418